**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/8/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול ווארנט ניו יארקער איבער מעגליכע שווערע רעגנעס און פלוצימדיגע פארפלייצונג אומשטענדן אינעם צייט וואס פארבלייבעניש פון דעבי קומען אין ריכטונג פונעם סטעיט**

***שווערע רעגנעס קען צוברענגען צו ריווער פארפלייצונג און פלוצימדיגע פארפלייצונגען, ספעציעל אין שטאטישע געגנטע און אין געגנטער מיט שוואכע אפלויף אפאראטן, איבער מערסטנס פון די סטעיט***

***מערסטנס געגנטער וועלן זען צווישן 2-4 אינטשעס פון רעגן; נארט קאנטרי, צענטראל ניו יארק, מאוהאק וואלי, קאפיטעל ראיאן, מיד-האדסאן און דרום טייל ראיאנען קענען זען ביז פינף אינטשעס פון רעגן ביז פרייטאג ביינאכט***

***ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און לאווער מיד-האדסאן ראיאנען קענען זיין אביסל איינצלנע שווערע שטורעמעס, שעדליכע ווינטן, און קורצע טארנאדאוס***

גאווערנער האקול האט הייט געווארנט ניו יארקער אינעם צייט וואס טיילן פון די סטעיט ווערן פארגעשאצט צו ווערן אפעקטירט דורך די פארבלייבעניש פון דעבי מיט שווערע רעגנעס און מעגליכע ריווער און פלוצימדיגע פארפלייצונג. אנגעהויבן בערך פרייטאג אינמיטן טאג, איז דעבי ערווארטעט זיך צו איינשליסן מיט נאך א שטורעם סיסטעם, און ארויסגעבן צווישן 2-4 אינטשעס רעגן מיט לאקאלע גרעסערע נומער פון צווישן 3-5 אינטשעס פאר טיילן פון נארט קאנטרי, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, מאוהאק וואלי, קאפיטעל, מיד-האדסאן, און דרום טייל ראיאנען. די שווערסטע רעגן איז פארגעשאצט זיך אנצוהויבן פרייטאג נאכמיטאג און פארזעצן אריין אין די נאכט, און די העכסטע רעגן וואסער נומערן זענען ערווארטעט אין טיילן פון די דרום אדיראנדאקס, די מזרח קעטסקילס, און צענטראל ניו יארק. שווערע רעגן קען פאראורזאכן פארפלייצונג פון שטאטישע געגנטער אדער געגנטער מיט נישט גוטע אפלויף אפאראטן, און אויך פלוצימדיגע פארפלייצונג און ריווער פארפלייצונג. פאר די ניו יארק סיטי, לאנג איילענד, און לאווער מיד-האדסאן ראיאנען, איז דא די מעגליכקייט פון איינצלנע שווערע שטורעמעס מיט שעדליכע ווינט בלאזן און קורצע טארנאדאוס, פאראויס פון די קאלטע פראנט וואס וועט זיך אנהויבן פרייטאג נאכמיטאג און אריין דורכאויס די נאכט. ווינט בלאזן פון ביז 35 צו 45 מיילן א שעה זענען מעגליך לענגאויס די ברעג, וואס קען צוברענגען צו שאדן פוןביימער און קורצשלוסן. גאווערנער האקול האט געמוטיגט ניו יארקער צו האלטן אן אויג אויף די שטורעמ'ס גאנג וויבאלד א קער אין סיי וועלכע ריכטונג קען אפעקטירן אנדערע לאקאלן פון די סטעיט.

"אין צייט וואס מיר גרייטן זיך פאר פארפלייצונג אומשטענדן, איז זייער וויכטיג אז ניו יארקער זאלן איבערקוקן זייער לאקאלע וועטער פארשאצונגען און נעמען ריכטיגע זיכערהייט מאסנאמען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע וועט ווייטער האלטן אן אויג אויף און ארויסשיקן נויטיגע הילפסמיטלען צו אפעקטירטע געגנטער לענגאויס די סטעיט."

פארפלייצונג ווארענונגען זענען ארויסגעגעבן געווארן פאר אסאך געגנטער פון די סטעיט ביז שבת. פאר א פולע ליסטע פון וועטער ווארענונגען, באזוכט דעם נאציאנאלען וועטער סערוויס וועבזייטל אויף alerts.weather.gov. ניו יארקער ווערן אויך געמוטיגט זיך צו איינשרייבן צו באקומען עמערדזשענסי אלערטס דורך זיך איינשרייבן פאר NY Alert אויף alert.ny.gov, אן אומזיסטע סערוויס וואס שיקט קריטישע עמערדזשענסי אינפארמאציע צו אייער סעלפאון אדער קאמפיוטער.

## אגענטור פארברייטערונגען

**דיוויזיע פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס**
די סטעיט עמערדזשענסי אפעראציעס צענטער אין אלבאני וועט ווערן אקטיוויזירט אויף פרייטאג, אויגוסט 9 צו ארויסהעלפן לאקאלע רעגירונגס' פארלאנג פאר הילף. די סטעיט'ס שנעלע וואסער רעטונג טיעמס זענען געווארן פאראויס צוגעגרייט אין פארשידענע פלעצער און סטעיט סטאקפיילס זענען גרייט ארייננצושטעלן ריסאורסעס אין באנוץ ווי נויטיג. די סטעיט פייער אפעראציעס צענטער איז אויך אקטיוויזירט און קען ארויסהעלפן סטעיט אגענטור אפעראציעס און זיך אויך אפגעבן מיט סיי וועלכע פארלאנגען וואס ווערן ארייגעגעבן דורך די סטעיט פייער מאביליזאציע און מיוטשועל הילפס פראגראם.

**דיוויזיע פון מיליטער און נעיווי פלאטע אנגעלעגנהייטן**
די ניו יארק נאציאנאלע גארד האט מאביליזירט 100 סאלדאטן און עירמען מיט 30 הויכע-אקסל טרעקלער צוצושטעלן הילף פאר ניו יאָרק סיטי און לאקאלע רעגירונגען אין די האדסאן וואלי און אויף לאנג איילענד אויב פארלאנגט. די מיליטערישע מאנשאפטן וועלן בלייבן אין קראפט ביז אלע וועטער-פארבינדענע דראאונגען גייען פארביי.

**טראנספארטאציע דעפארטמענט**
די טראנספארטאציע דעפארטמענט פאלגט נאך פארגעשאצטע וועטער אומשטענדן און גרייט זיך צו רעאגירן מיט איבער 3,429 אויפזעער און ארבעטער. אלע פעלד שטאב מיטגלידער זענען גרייט ארייננצושפרינגען און רעאגירן און קענען אויסגעשטעלט ווערן אין סיי וועלכע סארט אפרוף מאנשאפט לויט ווי עס נויטיגט זיך אזוי ווי פלייצונג אפרוף, טשיפּער, לאדנען און שלעפען, סוּער דזשעט, קאָט ענד טאָס, טראפיק סיגנאל, א.א.וו. DOT מאנשאפטן ארבעטן אויך פון פריער צו איבערקוקן און אויסליידיגן אפלויף לעכער און קולווערטס איבער די גאנצע סטעיט, ספעציעל אין געגנטער אפעקטירט דורך לעצטיגע פארפלייצונגען און שווערע וועטער פאסירונגען. אלע באטראפענע געגנטער וואו מענטשן וואוינען וועלן בלייבן מיט מאנשאפטן אויפן ארט מיט מאשין דרייווער, סופערווייזערס און מעכאניקער דורכאויס די גאנצע שטורעם, און אלע אזעלכע געגענטער וועלן ווערן די ערשטע אפגערייניגט.

די צאלן פון עקוויפמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 1,399 גרויסע זאמד טראקס
- 317 גרויסע לאודערס
- 86 טשיפערס
- 86 עקסקעוועיטער טראקטארס אויף טרעקס און רעדער
- 30 טראַפיק טורעם פלאטפארמעס
- 16 וואקיום טראקס מיט סוער דזשעטס
- 11 בוימער מאנשאפט באָקעט טראקס

פאר די ריל-טיים אינפארמאציע, זאלן דרייווער רופן 511 אדער באזוכן https://www.511ny.org/#:Alerts, ניו יארק סטעיט'ס אפיציעלע טראפיק און רייזע אינפארמאציע מקור.

**טרו-וועי אויטאריטעט**
איינגעשטעלטע פון די טרו-וועי אויטאריטעט טוט אקטיוו אינספעקטירן דרעינעדזש סיסטעמען, און איז גרייט זיך אפצורופן צו סיי וועלכע פארפלייצונג אינצידענטן אריבער די סטעיט מיט 671 קליינע ביז מיטלמעסיגע עקסקעוועיטער טראקטארס, שארער/זאמד טראקס, גרויסע לאָודער טראקטארס, באוועגיגע VMS שילדן, באוועגיגע ליכט טורעמס, קלענערע גענעראטערס, קלענערע פּאָמפּס און עקוויפּמענט-שלעפער טרעילערס, ווי אויך שילדן און אנדערע טראפיק קאנטראל מיטלען וועלכע זענען דא צו נוצן צו שיקן קארן דורך אן אומוועג אדער פאר שאסיי פארשליסונגען. עלעקטראנישע שילדן וועלכע מען קען טוישן די מעסעדזש וואס שטייט אויף זיי און סאושעל מידיע ווערן גענוצט צוווארענען דרייווערס וועגן וועטער אומשטענדן אויף די טרו-וועי.

די צאלן פון עקוויפּמענט אין די סטעיט זענען ווי פאלגנד:

- 346 גרויסע און קליינע זאמד טראקס
- 63 גרויסע לאָודער טראקטארס
- 34 טרעילערס
- 6 וואקיום טראקס
- 13 עקסקעוועיטאר טראקטארס
- 7 האלץ טשיפּערס
- 100 זעגן
- 22 לופט טראקס
- 25 סקיד דרייערס
- 86 באוועגיגע דזשענערעיטארס
- 70 רוקעדיגע לעקטער יוניטס

די טרו-וועי אויטאריטעט מוטיגט דרייווערס צו דאונלאודען איר מאבייל עפּפּ וואס מען קען דאונלאוד'ען אומזיסט אויף iPhone און Android דעווייסעס. דער עפּ שטעלט צו פאר מאטאריסטן דירעקטע לעבעדיגע טראפיק קאמערעס, עכט-צייטיגע טראפיק אינפארמאציע און נאוויגאציע הילף בשעת מען איז אויפ'ן וועג. דרייווערס קענען זיך אויך איינשרייבן פאר TRANSalert אימעילס וועלכע שטעלן צו לעצטיגע טראפיק אומשטענדן לענגאויס דער טרו-וועי, נאכפאלגן @ThruwayTraffic אויף X, און באזוכן thruway.ny.gov צו זען אן אינהאלטסרייכע מאפּע וואס ווייזט טראפיק אומשטענדן פאר די טרו-וועי און אנדערע ניו יארק סטעיט שאסייען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פובליק סערוויס ( New York State Department of Public Service)**
ניו יארק'ס יוטיליטי פירמעס וועלן האבן בערך 6,900 ארבעטער שטייענדיג גרייט צו דורכפירן שאדן אפשאצונגען, זיך אפצורופן, פאררעכטן און צוריקברענגען סערוויס אריבער ניו יארק סטעיט אין צוגרייטונג פון מעגליכע שאדן צו אינפראסטרוקטור און קאסטומער קורצשלוס פאסירן צוליב די שווערע וועטער. דאס רעכנט אריין די פאלגנדע צוגעלייגטע ארבעטער: 500 פאר NYSEG / RG&E; 495 Con Edison; 200 פאר Orange & Rockland; 165 פאר PSEG LI; און 60 פאר Central Hudson.
אגענטור שטאב מיטגלידער וועלן אכט געבן אויף די ארבעט פון יוטיליטי פירמעס דורכאויס די וועטער

געשעעניש און פארזיכערן אז יוטיליטי פירמעס שטעלן צו די נויטיגע מאנשאפטן צו די ראיאנען וועלכע ווערן דאס מערסטע באטראפן.

**ניו יארק סטעיט פאליציי**

סטעיט פאליציי וועט שטיצן א DHSES פארלאנג ביי די בינגהעפטאן/וועסטאן סטעידזש לאקאל און וועט צושטעלן א גרופע וואס באשטייט פון 6 URT מיטגלידער, 1 לופט שיף און 1 RHIB. אפעראציעס וועלן זיך אנהויבן דאנערשטאג 6:00 ביינאכט פאר 12-שעה'איגע אפעראציע צייטן און זיך ענדיגן ווען זיי פעלן מער נישט אויס. סטעיט פאליציי וועלן האלטן א שטרענגע אויג אויף די וועטער אומשטענדן און נאך מאנשאפטן וועלן ווערן ארויסגעשיקט, לויט ווי עס פעלט אויס, צו אפעקטירטע געגנטער. ספעציאליזירטע קארן און טראקס פון די סטעיט פאליציי, אריינגערעכנט פאָר-וויל-דרייוו טרעקלער, יוטיליטי טעסק טרעקלער און שיפן, ווערן גרייט געמאכט אויף באלדיגע אפרופונג.

**דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation)**

DEC ענווייראמענטאלע אפהיטונג פאליציי אפיצירן, וואלד רעינדזשער, עמערדזשענסי פארוואלטונג מאנשאפטן און ראיאנישע מאנשאפטן זענען אויפן וואך און פאלגן נאך דעם אנטוויקלענדען מצב און פאראויסגעזאגטע וועטער, און זיי פאטראלירן אקטיווערהייט פלעצער און אינפראסטרוקטור וועלכע האבן העכערע אויסזיכטן צו באטרעפן ווערן דורך שווערע וועטער. אלע הילפס-מיטלען וואס זענען פאראן, אריינרעכענענדיג שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפטן, זענען פלאצירט צו העלפן מיט סיי וועלכע עמערדזשענסי אפרוף.

מיט די מעגליכקייט פאר שטארקע רעגנעס, ווערן מענטשן וואס גייען שפאצירן אנגעזאגט צו פארמיידן אלע הויכע וועגן און וועגן וועלכע גייען אריבער וואסערן און טייכן. שפאצירער אין די אדיראנדאקס ווערן געמוטיגט צו איבערקוקן די אדיראנדאקס בעק-קאנטרי אינפארמאציע וועב-בלעטער פאר אפדעיטס אויף די צושטאנד פון די וועגן, סעזאנישע גאס פארשליסונגען, און אלגעמיינע אונטערהאלטונג אינפארמאציע.

**אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג (Office of Parks, Recreation and Historic Preservation)**

ניו יארק סטעיט פארק פאליציי און פארק באאמטע זענען אויף דער וואך און האלטן א נאנטן אויג אויף די וועטער אומשטענדן און באטרעפונגען. סטעיט פארקס האט געשטעלט אכט סאויער מאנשאפטן גרייט ארויסצוהעלפן מיט שטורעם אויפרוימען. פארק באזיכער זאלן באזוכן parks.ny.gov, קוקן אויף די אומזיסטע NY State Parks Explorer טעלעפאן עפּ אדער אנרופן זייער לאקאלע פארק אפיס פאר די לעצטע אינפארמאציע איבער פארק שעה'ן, עפענונגען און פארשליסונגען.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority)**

די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פאלגט נאך וועטער אומשטענדן פון די נאענט צו פארזיכערן אז זיי שטעלן צו זיכערע און פארלעסליכע סערוויס. MTA ארבעטער וועלן שטיין גרייט צו רעאגירן צו אלע וועטער-פארבינדענע פראבלעמען. צו נידערן די ווארשיינליכקייט פון פארפלייצונג און רעאגירן צו יעדע פאל פון פארפלייצונג, וועלן MTA שטאב מיטגלידער איבערקוקן וואסער אויספלוס לעכער אין פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער צו פארזיכערן אז זיי ארבעטן גוט, און באאמטע וועלכע שטייט איבער פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער פאר סיי וועלכע באריכטן פון פארפלייצונג צו פארזיכערן שנעלע רעאקציעס. עלעוועיטער און עסקעלעיטער עקספערטן וועלן ווערן ארויסגעשיקט צו פארפלייצונג-אויסגעשטעלטע געגנטער צו באהאנדלען אלע וועטער-פארבינדענע עלעוועיטער און עסקעלעיטער פראבלעמען.

קאסטומערס זענען ערמוטיגט צו קוקן אויף new.mta.info פאר די לעצטע סערוויס אַפּדעיטס און צו זיין פארזיכטיג ביים נוצן די סיסטעם. פאסאנזשירן זאלן זיך אויך איינשרייבן צו באקומען סערוויס אלערטס דורך טעקס מעסעדזש אדער אימעיל. די אלערטס קען מען אויך באקומען דורך די MTA'ס עפּס און די TrainTime עפּס.

**פארט אויטאריטעט (Port Authority)**
די פארט אויטאריטעט האלט אן אויג אויף וועטער אומשטענדן איבער אירע אלע איינריכטונגען. אין פאל פון שווערע וועטער, גיבט דער אגענטור ארויס רייזע אלערטס און אפדעיטס לויט ווי עס נויטיגט זיך דורך פאסיליטי אימעיל אלערטס און אויף סאושעל מידיע. פאר די לעצטע אינפארמאציע וועגן פארט אויטאריטעט פאסיליטעטן, ביטע קוקט איבער סאושעל מידיע, שרייבט אייך איין פאר PA Alertsאדער דאונלאוד'ט איינע פון די PA מאביל עפּס, אריינגערעכנט RidePATH וועלכע טוט צושטעלן עכטע-צייט אפדעיטס און ווארענונגען פאר PATH סערוויס.

<u>**שווערע וועטער זיכערהייט עצות**</u>

**סופלייס פאר א קאטאסטראפע:**
האלט געצייג אונטער די האנט, אריינרעכנענדיג:

- פלעשלייטס און עקסטערע בעטעריס
- בעטערי־באקרעפטיגטע ראדיא און עקסטערע בעטעריס
- ערשטע הילף פעקל און אנווייזונגען
- עמערדזשענסי עסנווארג און וואסער
- נישט עלעקטרישער קען עפענער
- נויטיגע מעדיצינען
- טשעקבוק, קעש, קרעדיט קארטלעך, ATM קארטלעך

**בליץ פארפלייצונגען זיכערהייט עצות:**

- פרובירט נישט קיינמאל צו דרייוו'ען אויף א פארפלייצטע ראוד. דרייט זיך אום און נעמט אן אנדערע וועג.
- אויב וואסער הייבט אן גיך זיך הייבן ארום אייך, פארלאזט זאפארט די קאר.
- שאצט נישט אונטער די כוח פון גיך-באוועגיגע וואסערן. צוויי פיס שנעל-באוועגיגע פארפלייצונג וואסער וועלן אונטערהייבן אייער קאר, און וואסער וואס ציט זיך בלויז צוויי מייל א שעה קען אראפוויש קאר פון א ראוד אדער בריק.

**דינערשטורעם זיכערהייט עצות:**

- אויב איר קענט הערן דונערן, זענט איר גענוג נאענט צו די שטורעם צו באטראפן ווערן דורך א בליץ. גייט זאפארט אריין אין א פארזיכערטע שעלטער.
- ריקט זיך צו א סטאבילע געביידע. נעמט נישט קיין שעלטער אין קליינע ביידלעך, אונטער איינציגעביימער, אדער אין טוישבארע אוטאמאבילן.
- אויב זענען דא בליצן און מען קען נישט טרעפן קיין סטאבילע שעלטער, גייט אריין אין א הארטע דאך אוטאמאביל און האלט די פענסטערס פארמאכט.
- גייט ארויס פון שיפן און אוועק פון די וואסער.

- טעלעפאן דראטן און מעטאלענע רערן קענען אריבערפירן עלעקטריציטעט. פלאג׳ט אויס עפלייענסעס וואס זענען נישט נייטיג אויף צו באקומען וועטער אינפארמאציע. פארמיידט די באנוצונג פון דעם טעלעפאון און אנדערע עלעקטראנישע אפלייענסעס.
- נעמט נישט א באדע אדער שויער.
- לעשט אויס עיר קאנדישאנערס — פלוצלינגדיגע העכערונגען אין עלעקטריציטעט פון בליצן קענען איבערשטערענגען קאמפרעסארס.
- גייט צו א העכערע פלאץ אויב א פלוצלינגדיגע פארפלייצונג אדער פארפלייצונגען זענען מעגליך.
- פרובירט נישט צו דרייווען צו זיכערהייט — רוב טויטפעלער פון פלוצלינגדיגע פארפלייצונגען קומען פאר אין קארן.
- אויב איר זענט אינדרויסן, טרעפט א נידעריגע פלאץ אוועק פון ביימער, צוימען און זיילן.
- אויב איר זענט צווישן ביימער, נעמט שוץ אונטער נידעריגע ביימער.
- אויב פילט איר ווי אייערע הויט קיצלט אדער אייער האר שטעלט זיך אויף, דאן בייגט זיך אראפ, מיט די קניען איינגעבויגן, שטייענדיג אויף די פאדערשטע חלק פון אייערע פיס; לייגט אייערע הענט אויף אייערע קניען מיט אייער קאפ צווישן די הענט; מאכן אייך פאר די קלענסטע ציהל וואס איז מעגליך; און לאזט ווי ווייניגער פון אייער קערפער קומען אין בארירונג מיט די ערד.

פאר נאך זיכערהייט עצות, באזוכט: https://www.dhses.ny.gov/safety-and-prevention.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן